**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**לחיים צו ניו יארק סטעיט! גאווערנאר האקול באגריסט די פינגער לעיקס וויין ראיאן, באטיטלט "2025 אמעריקאנער וויין ראין פונעם יאר" דורך WINE ENTHUSIAST**

***אנערקענונג דורך גלאבאלע צייטשריפט ברענגט ארויס ראיאן'ס וויין-גערטנער, וויין-מאכער, און וויין-קאלטור***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט באגריסט די פינגער לעיקס ראיאן פאר'ן באטיטלט ווערן אלס די 2025 אמעריקאנער וויין ראיאן פונעם יאר דורך *Wine Enthusiast* אלס טייל פון די צייטשריפט'ס אנערקענטע וויין סטאר אווארדס (Wine Star Awards). די באעהרונג אנערקענט די ראיאן'ס וועלט בארוהמטע וויין פאבריצירונג, סוסטעינעבל איינפירונגען און צוזאמענארבעטנדע קאמיוניטי וועלכע האבן געהאלפן באשטימען ניו יארק סטעיט אלס א פירער אין אמעריקאנער וויין קאלטור.

"פון די וויין-גערטנער ביים ברעגעס פון די לעיקס ביז פאמיליע-אנגעפירטע וויין פאבריקן, טוט די פינגער לעיקס ווייטער פרעדעצירן ערשט-קלאסיגע וויינען און ענטפאנגען באזוכער פון ארום די וועלט", **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "ארבעטנדיג צוזאמען מיט די ניו יארק וויין און טרויבן פאונדעישען (New York Wine and Grape Foundation), טוט די סטעיט ווייטער שטיצן אירע וויין-מאכער און וויין-גערטנער, מוטיגנדיג די אינדוסטרי צו וואקסן און בליען. דאס אז די פינגער לעיקס איז באטיטלט געווארן אלס *Wine Enthusiast*'ס אמעריקאנער וויין ראיאן פונעם יאר איז נישט בלויז עדות צו די טאלאנט און ענטוזיאזעם פון ניו יארקער וויין-מאכער — עס איז א געווינס פאר אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע און פאר אונזער גוטע נאמען אלס א גלאבאלע וויין דעסטינאציע."

די פינגער לעיקס, די היים פאר 11 גלעישעל לעיקס און מער ווי 140 וויין פאבריקן, איז די גרעסטע און מערסט אוועקגעשטעלטע וויין-פראדעצירונג ראיאן אין ניו יארק סטעיט. שטארק באפעסטיגט דורך קענענדעגיוע, קוקע, סעניקע און קעיוגע לעקיס, איז די געגנט אנערקענט נאציאנאל פאר איר קילע-קלימאט אריגינעלע און צאמגעשטעלטע טרויבן סארטן, ווי אויך פאר קלאסישע וויניפערע סארטן, בעיקר ריסלינג און קעבערנעי פרענק. די פינגער לעיקס טוט אויך פראדעצירן ערשט-קלאסישע ראוזעס און ספארקלינג וויינען. די ראיאן'ס אייגנארטיגע טאפאגרעפי און מייקרא-קלימאטן האבן ערמעגליכט א וואקסנדע קאמיוניטי פון וויין פאבריקן וועלכע געהערן צו און ווערן אנגעפירט דורך פאמיליעס, פון וואס פיל זענען פייאנערן אין סוסטעינעבל וויין פראדוקציע. ביז היינט, זענען 55 וויין גערטנער אין די פינגער לעיקס באשטעטיגט געווארן אונטער די ניו יארק סוסטעינעבל וויין פראדוקציע פראגראם ( New York Sustainable Winegrowing Program).

**Wine Enthusiast מידיע פרעזידענט Jacqueline Strum (דשעקעלין סטרום) האט געזאגט,** "די פינגער לעיקס זענען געווען א שטראל פון אינאוואציע, שטאנדהאפטיגקייט, און קוואליטעט אינערהאלב אמעריקאנער וויין. די ראיאן'ס וויין-מאכער טוען צאמשטעלן טיפע רעספעקט פאר מסורה מיט א פאראויס-קוקנדע פארפליכטונג צו סוסטעינעביליטי און קאמיוניטי, פראדעצירנדיג וויינען וועלכע זענען

כסדר צווישן די בעסטע אין דער וועלט. מיר אנערקענען די פינגער לעיקס מיט א וויין סטאר אווארד אלס די 2025 אמעריקאנער וויין ראיאן פונעם יאר פאר איר אויסערגעוועדליכע ווײַנען, מענטשן, און געפיל פאר'ן ארט וואס מאכט די ראיאן באמת ספעציעל."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די פינגער לעיקס וויין אינדוסטרי'ס גלאבאלע אנערקענונג טוט רעפלעקטירן די געוואלדיגע צוזאמענארבעט צווישן טרויבן פלאנצער, וויין-מאכער, און קאמיוניטיס וועלכע טוען ווייטער העלפן הייבן ניו יארק'ס סטעיט-ברייטע וויין אינדוסטרי. די פאמיליע פון וויין-פאבריקן און וויין-גערטנער טוט שטיצן גוט-באצאלטע לאקאלע דשאבס אין שטילע קאמיוניטיס און ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס, און טוט טרייבן טוריזעם אין די צייט וואס באזוכער פון ארום דער וועלט פארן אהין אליינס צו מיטלעבן די ראיאן'ס שפע. די אווארד איז די רעזולטאט פון צענדליגע יארן פון שווערע ארבעט, וויזיע און שעפערישקייט, און מיר באגריסן די איבערגעגעבענע טיעמס וועלכע טראגן די טרויבן פון די פעלדער ביז צו די ענדגילטיגע וויין."

**ניו יארק סטעיט אגריקאלטור קאמישענער Richard A. Ball (ריטשארד א. באל) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס וויין אינדוסטרי זעצט פאר צו פארדינען אלוועלטליכע אנערקענונג פאר איר קוואליטעט און אינאוואציע, דערפאר איז עס טאקע פאסיג אז Wine Enthusiast האט אויסגעקליבן אונזער אייגענע פינגער לעיקס אלס איר 2025 אמעריקאנער וויין ראיאן פונעם יאר. דאס איז עדות צו די הצלחה פון אונזער קרעפט געטראנקען סעקטאר דא אין ניו יארק סטעיט, און איך וואלט נישט געקענט זיין מער שטאלץ פון די אלע פלאנצער און פראדעצירער אין די פינגער לעיקס ראיאן וועמנס שווערע ארבעט ווערט אנערקענט דורך די אווארד."

**ניו יארק סטעיט ליקער אטאריטעט (Liquor Authority) פארזיצער Lily M. Fan (לילי מ. פען) האט געזאגט,** "די מערקווערדיגע קונסטליכקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע וויין מאכער ווערט ווידעראמאל ארויסגעוויזן פאר די וועלט, ארויסווייזנדיג דאס וואס אזויפיל ניו יארקער האבן שוין געוויסט פאר יארן, גערנישט קומט נישט צו צו א וויין פון די פינגער לעיקס. ווערן באטיטלט אלס Wine Enthusiast'ס אמעריקאנער וויין ראיאן פונעם יאר איז עפעס מיט וואס אונזערע וויין מאכער קענען זיין שטאלץ. ניו יארק איז די היים פאר מער פון 400 וויין פאבריקן, און א דאנק גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט אונזער וויין אינדוסטרי ווייטער שטייגן צו נייע הויכפונקטן און געוואלדיגע געלעגנהייטן. לחיים!"

**ניו יארק וויין און טרויבן פאונדעישען עקזעקיוטיוו דירעקטאר Sam Filler (סעם פילער) האט געזאגט,** "פילע הענט איבער פילע יארן האבן צוגעגעבן צו די אויפבוי פון די גוטע נאמען פון די פינגער לעיקס וויין ראיאן. די ראיאן האט א שטארקע גייסט פון קאמיוניטי און צוזאמענארבעט. איר כח הייבט זיך אן מיט איר אחדות. צוזאמען, טוען מיר טוישן די באדייט פון קוואליטעט, טעמים, און איבערלעבענישן. די אווארד איז ספעציעל וויבאלד עס אנערקענט וויאזוי די פינגער לעיקס פארמאגט אן אייגנארטיגן ארט אויף די אינטערנאציאנאלע וויין פלאטפארמע."

**פינגער לעיקס וויין אליאנס (Finger Lakes Wine Alliance) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Amy Navor (עימי נעווואר) האט געזאגט,** "די פינגער לעיקס שטייט ביי א מערקווערדיגן מאמענט, א ראיאן וועמנס גרינדונג ליגט אין שטאנדהאפטיגקייט, ווערט אויסגערופן פאר איר צוזאמענארבעט, און זעצט פאר צו מיטטיילן איר געשיכטע מיט די וועלט. אונזערע טרויבן פלאנצער וועלכע טוען דאס שוין פאר פילע דורות און די פרישע וויין פאבריקן טוען אויפהייבן איינער דעם צווייטן, פארעמנדיג א קאמיוניטי וואס שעפט חיות פון טויש און שאפט ערשט-קלאסיגע קילע-קלימאט ווײַנען. די אנערקענונג פון *Wine Enthusiast* באשטעטיגט דער צוזאמנארבעטנדע גייסט, א באווייז אז ווען די פינגנער לעיקס ווײַנען הייבן

זיך, הייבט זיך ניו יארק מיט. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט די ניו יארק וויין און טרויבן פאונדעישען און אונזערע מיטארבעטער דורכאויס די סטעיט צו שטיצן די אינאוואציע, אטענטישקייט, און געמיינזאמע הצלחה וואס טוט ארויסברענגען די היינטיגע ניו יארקער וויין ראיאנען."

ניו יארק סטעיט האט באקומען א וויין סטאר אווארד אלס וויין ראיאן פונעם יאר דורך *Wine Enthusiast* אין 2014. די אווארד שטרייכט אונטער ווייטערדיגע ארויפארבעטונג פונעם ראיאן אלס א גלאבאלע וויין דעסטינאציע — טרייבנדיג טוריזעם, שטיצנדיג לאקאלע עקאנאמיעס, און פארשטערקערנדיג די סטעיט'ס אגריקאלטורישע אידענטיטעט.

פאר מער אינפארמאציע איבער די וויין סטאר אווארדס, באזוכט Wine Enthusiast'ס וועבזייטל.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן